# קערנדלעך ווייץ

היילן, דערלאַנגט זיך אַן עפֿן,
צעשפּאַלט זיך פֿון אונטער מײַן האַק!
איידער די קויל וועט מיך טרעפֿן —
איך ברענג אײַך מתּנות אַ זאַק.

אַלטינקע, תּכלתנע דפֿין
מיט פּורפּור אויף זילבערנע האָר,
ווערטער אויף פּאַרמעט, געשאַפֿן
דורך טויזנטער גרויזיקע יאָר.

ווי ביים באַשיצן אַן עופֿל —
איך לויף מיטן יִדישן וואָרט,
נישטער אין איטלעכן הייפֿל,
דער גײַסט זאָל ניט ווערן דערמאָרדט.

שטרעק אינעם שײַטער די אָרעמס
און פֿריי זיך: דער עיקר איז דאָ!
מײַנס איז נאָך אַמסטערדאַם, וואָרעמס,
ליוואָרנע, מאַדריד און יִבֿנה.

אָ, ווי מיך פּײַניקט אַ שיימע
פֿאַרטראָגן אין רויכיקן ווינט!
ס׳וואָרגן מיך לידער געהיימע:
— באַהאַלט אונדז אין דײַן לאַבירינט!

גראָב איך און פֿלאַנץ מאַנוסקריפּטן,
און גיט מיר דער יִיאוש אַ פֿלייץ,
קומט מיר אין זינען: עגיפּטן,
אַ מעשׂה מיט קערנדלעך ווייץ.

דעמאָלט די שטערן דערציילן איך:
אַ מאָל האָט בײַם נילוס געבויט
זײַן פּיראַמידע אַ מלך,
צו קיניגן דאָרט נאָכן טויט.

זאָל מען אין גילדענעם אָרון
אַנשיטן, האָט ער באַפֿעלט,
קערנדלעך ווייץ — לזכּרון
פֿון אונדזער, דער ערדישער וועלט.

נײַן טויזנט יאָר האָבן זונען
געביטן אין מידבר דעם גאַנג,
ביז מ'האָט די קערנער געפֿונען
אין דער פּיראַמידע ניט לאַנג.

נײַן טויזנט יאָר שוין פֿאַרגאַנגען!
נאָר ווען מ'האָט די קערנער פֿאַרזייט, —
האָבן אין זוניקע זאַנגען
צעבליט זיך אַ בייט נאָך אַ בייט.

— — — — — — — — — — — —

אפֿשר אויך וועלן די ווערטער
דערוואַרטן זיך ווען אויף דעם ליכט —
וועלן אין שעה אין באַשערטער
צעבליִען זיך אויך אומגעריכט?

און ווי דער אוראַלטער קערן
וואָס האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין זאַנג, —
וועלן די ווערטער אויך נערן,
וועלן די ווערטער געהערן
דעם פֿאָלק, אין זײַן אייביקן גאַנג.

ווילנער געטאָ
מאַרץ
1943